ניו-יורק 10.9.37.

צום צ.ק. פון פוע"צ-צ.צ. אין אמעריקא.

טייערע חברים -

כ"האב היינט געהאט ביי מיר אין האטעל אלענגערע אינטערעדונג מיט וולאדעק"ן וועגען דער זעלבער זאך וואס מיר האבען געכטען פארהאנדעלט: מאביליזירען די יידישע ארבייטער שאפט אין אמעריקא צו די וואלען פון נאהענטען ציוניסטישען קאנגרעס.

צו מיין נישט קליינע ערשטוינונג האט וולאדעק דערצו צובעססיטט, און נישט נור פערזענליך, ער האט מיר פארזיכערט אז ער קאן רעדען אין נאמען פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט - וואס ער שאצט אב אין 350.000 מאן - און אז הגם א קליינע מינאריטעט,מילייכט 10% וועלען זיין קעגען - וועט עס נישט האבען קיין באדייטונג, און דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטעט וועט נעמען אויף זיך אנצופיהרען מיט דער אקציע און לויט זיינע, וולאדעק"ס אבשאצען, וועט עס איינז ברענגען פון צוויי הונדערט טויזענד ביז אפירטעל מיליאן שטימען פון ארבייטער.

דאס וועט אבער מעגליך נור ביי א פאריייניגטען פראנט אין אלע צענטראלע אינטערנעמונגען . דער פאריייניגטער ארבייטער קאמיטעט וועט רעפרעזענטירען די גאנצע יידישע ארבייטער באוועגונג און וועט דיך באשעפטיגען הויפטזעכליך מיט צווי זאכען:

א) הילף פאר אידען און אידישע אינסטיטוציע אויסער אמעריקא.

ב) קאמפף געגען אנטיסעמיטיזם אין אמעריקא.

פונקט ב" זעצט פארויס א קיין קערפערשאפט וואס איז אנגעשלאסען צאמxxxxxxxxxxx אין ארב. קאמ. וועט <u>נים</u> באלאנגען צום אידישען קאנגרעס אין אמעריקא. דער ארב. קאמ. אלס גאנצער וועט זיך אויך נישט אנשליסען אין קאנגרעס. דער קאנגרעס רעפרעזענטירט נישט דאס אמעריקאנער אידענטום, און איז צופעליג און אונדעמאקראטיש צוזאמענגעשטעלט. בי אבעהעריגער

פערטרעטונג וואלט xxxxxxxx דער ארב. קאם. בעדארפט האבען די מערהייט
ווייל ער האט 350.000 מיטגלידער.

(וולאדעק האט מיר געגעבען פאלגענדע ציפרען:

| | | |
|---|---|---|
| אינטערנעשאנאל | 62.000 | אידישע מיטגלידער |
| אמאלגעמייטעד | 30.000 | אידישע מיטגלידער |
| מילינערי | 12.000 | |
| פ׳אריערס | 8.000 | |
| פיינטערס | 15.000 | |
| בעוועךקשאפטען | 15.000 | |
| ארבייטער רינג | 70.000 | |

ארבייטער ארגאניזאציעס אויסער ניו-יורק 100.000.)

דער ארב. קאם. וועט זיך אבער נישט אבזאגען פון קאאפערירען פון צייט צו צייט מיט׳ן אמעריקאנער איד. קאנגרעס. פאקטיש קאאפערירען זיי אין בויקאט געגען דייטשלאנד . אבער דער ארב.קאם. דארף בלייבען זעלבסשטענדיג, און מאנאפאליזירען די רעפרעזענטאנץ פון דער אידישער ארבייטערשאפט כלפי אמעריקא.

פועלי ציון און אלע אנגעשלאסענע און נאהענטע ארגאניזאציעס (ליגע, חלוץ, יוגענד, פרויען א.א.ציון) וועלען בלייבען פולשטענדיג אוטאנאם ווי ביזהער און אלע זייערע טעטיקייט פאר א״י, ציוניזם, חלוץ א.ד.ג. - אבער ארטיגע פאליטיק וועט געהערען דעם נאצ. ארב. קאם., און די פועלי ציון וועלען זיך נישט באטייליגען אין איד. קאנגרעס אין אמעריקא.

וואס אנבעלאנגט דעם ערשטען פונקט וועט דער ארב. קאם. ארגאניזירען איין געמיינזאמען קאמפיין פאר א״י און פאר׳ן גלות. וולאדעק שאצט אז דער קאמפיין וועט אריינברענגען א מיליאן דאלאר איאהר (אנהויבענדיג פון צווייטען אדער דריטען יאהר פון פאריניקטער ארבייטן, און די הסהדרות וועט קרעגען מערער ווי׳זי האט פון איהר זעלבסשטענדיגען

.54/.

קאמפיין. דער אפאראט פון געווערקשאפטען קאמפיין וועט אריבער צום ארב. קאמ. (דער געווערקשאפטען קאמפיין פון הסתדרות וועט אבגעשאפט ווערען).

די ארבייט פאר ציוניסטישע פ'אנדען וועט אנגעפיהרט ווערען דורך פוע"צ און זייערע פריינד ווי ביזהער, און די גאנצע ארבייטער באוועגונג וועט עס מאראליש אינטערסיצען. אבער די פינאנסיעלע הילף וואס איז ספעציעל געיינדמעט פאר דער <u>הסתדרות</u> וועט געהען דורכ'ן ארב. קאמ.

דער קאמפיין וואס דער ארב. קאמ. פיהרט יעצט אן פאר פוילען האט מיך וולאדעק פארזיכערט (כ'ווייס ווי ווייט כ'קאן די פארזיכערונג אננעמען), געהט נישט פאר'ן בונד. ער גלייבט אז זיי וועלען מאכען 200.000 דאלאר, זיי שטיצען מיט דעם געלד דעם צענטראל-ראטה פון די קלאסען פאריינען אין פוילען, די שולען פון בונד (נור בנינים פאר די שולען), ארגאניזציעס פון בעלי מלאכות אין פוילען, "ארט" א.ד.ג. - אבער נישט קיין פאליטישע פארטיי. ס'איז געווען אפארשלאג צו שטיצען דעם בונד - אבער ער, וולאדעק, איז שארף ארויסגעטרעטען דערגעגען.

אקליינע קאמיטעע פון דריי, וואס מיר וועלען באשטימען, וועט באשליסען דעם שליסעל צווישען ארץ ישראל און גלות.

ווען דער פלאן ווערט אנגענומען ביי אונזערע חברים פארזיכערט מיך וולאדעק אז דער ארבייטער קאמיטעט און אלע יוניאנס און ארבייטער רינג ברענטשעס וועלען עס גוטהייסען. ער האט מיר פארגעשלאגען אז נעקסטע וואך זאל פארקומען אנ'ענגע בעראטונג פון 4-5 פארטרעטער פון יעדען צד: ער, דובינסקי און נאך צוויי - דריי פריינד זיינע, און איך און 3-4 פועלי ציון, ווי ס'זאל פארמולירט ווערען אפראגראם לויטדי שטריבען וואס ער האט מיר פארגעשלאגען, און דאן זאל גערופען ווערען אנ'ארבייטער קאנפערענץ. ער איז זיכער אז די קאנפערענץ וועט זיין אקאלאסאלער ערפאלג.

איך האָב איהם בעזאגט אז לײדער קאן איך נישט בלײבען, און מארגען פאהר איך אב אין די בערענגאריע.

ער האט דאן געפאדערט ס׳זאל גלײך קומען צו פאהרען אנ׳אנדערער חבר, װײל די אמעריקאנער אלײן װעלען אזא זאך נישט דורכפיהרען. ער האט זיך שטארק באגלאגט אויפן אנפאל פון אינזערע חברים אויפן פױלישען קאמפײן. די ענגערע אינטערעסען פון די לאקאלע גרופען פארשטעלען לויט זײן מײנונג דעם ברײטערען האריזאנט פון געמײנזאמע אינטערעסען און אויפגאבען, און ס׳איז דעריבער נויטיג אנ׳אויסלענדיר זאל דאס דורכפירען.

איך האב איהם בעזאגט אז איך פערזענליך שטים אין אלגעמײן צו, אבער איך מוז זיך דורכרעדען מיט די חברים אין אמעריקא און אין א״י. נישט אלע חברים װעלען מיט מיר אײנשטימען אויפצוגעבען אונזער געװוערקשאפטען קאמפײן. ס׳איז פאר אונז נישט נור אפינאנסישע פראגע – נאר אפ׳ראגע פון ערציהונג און פראפאגאנדע. אבער לויט מײן מײנונג איז דער קרבן כדאי – אויב מ׳קאן װירקליך פארײניקען די גאנצע אידישע ארבײטערשאפט פאר פראקטישע ארבײט – און באטײליגונג אין ציוניסטישען קאנגרעס.

װולאדעק איז געגאנגען װײטער. ער גלײבט – און דא האב איך מורא אז ער איז צו אפטימיסטיש – אז אויך אין פױלען איז מעגליך אזא פארײניגונג. װען דער אידען שטאט װערט ארעאליטעט ענדערט זיך די גאנצע לאגע. דער בונד װעט נישט זײן מעהר בעגען ארבײט פאר א״י – אבער די ציוניסטישע און פועלי-ציוניסטישע פארטײען אין פױלען דארפען זיך נישט באשעפטיגען מיט לאקאלע פאליטיק – <u>אלס ציוניסטען</u>. ס׳דארף געשאפען װערען אפארײניקטע פארטײ פאר פאליטישען קאמפף אין פױלען, פאר געװערקשאפטליכע ארבײט א.ד.ג. פון דער אנדערער זײט דארפען אלע העלפען דעם אידען שטאט און ארגאניזירען א אידישע אײנװאנדערונג און שטיצען די אידישע ארבײטערשאפט אין א״י און איהר פאליטישען און

פאר סאציאליען קאמף.

---

איך דארף אייך ניט זאגן מיין מיינונג. איך בין מיט'ן גאנצן הארץ פאר פאראייניקונג, ווען אפילו ס'איז פארבינדן מיט באשטימטע קרבנות. איך בין גרייט אויפצוגעבן אונזער זעלבסטשטענדיגען געווערקשאפטען קאמפיין – אויב אפאראייניקטע ארבייטער באוועגונג נעמט זיך אונטער מיטצוקעמפען <u>פאליטיש</u> און פינאנציעל.